בעזרת ה׳ יתברך

# מאטי אילאוויטש

# מחשבות

## Motty Ilowitz

Produced by: Naftali Schnitzler

# Choir

Motty Feldman
Menashe Lichtenstein
Michoel Weinberger
Sinai Bermatz
Chaim Pollack
David Taub
Chatzkele Bobo

Child Solo:
**Sheya Ferentz**

# Children Choir:

יודי ראזענבלום
דוד משה נייששטאדט
ישראל מנחם קאהל
יעקב יוסף ראזענבלום
מאיר ראזענבלום
נחום טויבענפעלד

# Musicians

Drums
**Goran Vista,**
**Barak Ben Tzur**
**Avi Avidani**

Piano/Keys/Synth
**Yaron Gutfried**
**Naftali Schnitzler**
**Shlome Z Wechter**

Bass
**James McCoy**

Guitars
**Nachman Dryer**

Brass
**Daniel Flam and co.**

Woodwinds
**Shloimie Cohen**
**Mark Fineberg**

Cello
**Yoed Nir**

# Thank You

חעזקי שטיין
צבי בלומענפעלד
צאלי גאלד
דוד קויפמאן
יואל וועבער
וועלוול שמעלצער
ברוך יודא האלצלער
חיים מאיר ערפס
הרב שלמה זלמן בירנהאק

לא איש דברים אנכי!
**נפתלי משה... כ'האב נישט קיין ווערטער!**
מעומק הלב - מאטי

# Credits

Produced by:
**Naftali Schnitzler**

Technical Assistance:
**Menachem Melamed**

Recorded at &
Engineered by:

**Shlomo Zalman Wechter,**
at Schnitzler Studios,
Brooklyn NY

**Israel Orbach**
at Tenor Studios,
Bnei Brak, Israel

**Goran Grooves Studios**,
Goran Vista, Miami FL

**Bronx Bear Music**,
Weschester NY

**Moishie Krausz**
at MK Studios

Choir Conducted by:
**Shlome Z Wechter,**
**Israel Orbach,**

Kids Choir Arranged by:
**Moishie Kraus**
Monroe, NY

Recorded by:
**Yossi Glick**
By Shavach Studios
New Square NY

Mixed & Mastered by:
**Naftali Schnitzler**
**Arye Kunstler**
**Larry Gates**

Cover design by:
**Dart Design**
845.782.6558

# 1

# לא איש דברים אנכי

**לא איש דברים אנכי, גם מתמול גם משלשום.** (שמות ד'-י')

גיי און ווארן פרעה, זאגט דער בורא
משה זאגט איך קען נישט, איך האב מורא.
**לא איש דברים אנכי**
באשעפער איך בין נישט געמאכט פאר דעם.

מענטשן שרעקן פון געבן זיך אן עפן
ער האט די כשרון ער דארף עס נאר טרעפן.

ער זאגט – **לא איש דברים אנכי**
אבער באמת ליגט עס טיף פארשטעקט אין אים.

"דו האסט, דו האסט א טאלאנט
מאך עס נישט אוועק מיט דיין האנט,
האלט דיך נישט איין
קוק טיף אריין
וועסטו טרעפן כשרונות דארט פארשטעלט.

ווייל יעדע מענטש האט זיך זיין טאלאנט
וואס קען מאכן די וועלט מער אינטערסאנט,
זוך עס נאר אויף
און ברענג עס ארויף
ווייל דאס קען נאר פארהערליכן די וועלט.

זאג נישט דו שעמסט דיך, דו קענסט נישט, ס'פאסט נישט
פראביר נאר וועסטו זען אז ס'בייסט נישט.
זאג נישט - **לא איש דברים אנכי**
ווייל קען זיין אז דו ביסט גאר געמאכט פאר דעם."

**לא איש דברים אנכי, גם מתמול גם משלשום.**
איך שטארק מיך אבער בכל כוחי
גם היום, גם מחר.
ווייל, אלה הדברים אשר דיבר
משה גאר די תורה געט אונז איבער,
ער זאגט – **לא איש דברים אנכי**
און קוק נאר אן ווי שיין האט ער גערעדט.

דער באשעפער האט 'דיך' אויסגעקליבן
ספעציעלע כוחות דיר געגיבן,

זאג נישט - **לא איש דברים אנכי**
ווייל ס'איז א תירוץ וואס דער יצר הרע געט.

"נאר נוץ אויס, נוץ אויס דיין טאלאנט
א שאד עס זאל בלייבן אומבאקאנט,
האלט דיך נישט איין
קוק טיף אריין
וועסטו טרעפן כשרונות דארט פארשטעלט.

ווייל יעדע מענטש האט זיך זיין טאלאנט
וואס קען מאכן די וועלט מער אינטערסאנט,
זוך עס נאר אויף
און ברענג עס ארויף
ווייל דאס וועט נאר פארהערליכן די וועלט.

זאג נישט איך קען נישט, איך דארף נישט, איך וויל נישט
דיינע טאלאנטן פארבלייבן א פארשטילעניש,
זאג נישט - **לא איש דברים אנכי**
ווייל קען זיין אז דו ביסט גאר געמאכט פאר דעם."

דער רב מיט זיין קהילה
דער שדכן און דער עילוי
דער גראמער, דער בעל תפילה
זיי קענען בלייבן שטיל.

דער סופר ביים מגילה
דער פוסק מיט זיין קולא
דער סוחר מיט פעולה
הערט אויף אויב ער וויל.

כאטש פחדים פילע
דורכפעלער אפילו
בלייב נישט פון די שטילע
דיין תפקיד ערפיל

ס'איז פלאים פלאי
עס שיינט ארויס בגילוי
מ'איז עולה לגדולה
עד בלי גבול.

זאג נישט איך קען נישט,
איך דארף נישט, איך וויל נישט
דיינע טאלאנטן פארבלייבן א פארשטילעניש,
זאג - **איש דברים אנכי**

מיט נשמה שבמוחי, איך שטארק מיך בכל כוחי
איך האף אז איך בין זוכה, כי ה' גמל עליכי.

*איך ווייס אז איך בין גאר געמאכט פאר דעם.*



# 2
# די מאמע'ס אויגן

א טיף באהאלטענע שרעק, אן אומבא'טעמ'טע שפיר
איז צווישן די מאמע מיט איר קינד,
פאר'ן טאכטער איז אומבאקוועם און פראבירט שטיין ווייט פון איר
זי שעמט זיך אז איר מאמע איז בלינד.

זי קען נישט וואשן, נישט קאכן, פירן די ווערטשאפט אין הויז
מיט א שטעקן גייט זי אין גאס,
אז די בלינדע פרוי איז מיין מאמע, איך האף אז קיינער געפינט נישט אויס
איך וויל נישט זיין די נעבעך פון קלאס.

קיין חבר'טע צו זיך אינדערהיים האט זי קיינמאל אריינגענומען
ביי PTA אווי האט זי געוויינט איר מאמע זאל נישט קומען,
זיך ארויסגעדרייט – איר קיינמאל באגלייט
די באציאונגען ווערן נאר קעלטער
אזוי לויפן די יארן, זי ווערט נאר אלס גרעסער און עלטער.

ענדליך שוין א כלה און צו די חתונה זי גרייט זיך
האבן מיין אייגענעם לעבן, אוי ווי די כלה פריידט זיך,
זי פאקט זיך פעק – ציעט זיך אוועק
ווייט ווייט ווייט
פארגעסן פון די שווערע יארן וואס זי האט אינדערהיים געהאט.

די מאמע ביטער פארקלעמט, אין הארץ עס ברענט א ברענעניש
זי קען נישט איינשלאפן, לא יכבה בלילה נרה,
אירע צוויי בלינדע אויגן, זעהן טאקע זיי קענען נישט
אבער וויינען קענען זיי נאך יא...

ווייטאגליכע קרעכצן נאך אזויפיל יארן פון דריק
עס גיסט זיך א גאָס פון געוויין,

עס 'שטייט איר פאר די אויגן' מחשבות פון יארן צוריק
וואס קיינער ווייסט נישט נאר זי אליין.

מיין קינד כ'האב דיר קיינמאל פארציילט דורכאויס די אלע יארן
אז דו ביסט געבוירן געווארן מיט א חסרון,
איך האב נישט געוואלט אז דו – זאלסט פילן ווי
ביסט אנדערש ווי יעדן איינעם
דערפאר האב איך באשלאסן אז איך דערצייל עס נישט פאר קיינעם.

אבער איך מיין ס'איז שוין צייט, אזוי טוט מיין געפיל טרייבן
די מאמע נעמט א פעדער אין האנט און הייבט אן צו שרייבן,
בס"ד – מיין טייער קינד לאה
וויאזוי גייט דיין לעבן אלס ווייבל
איך וויל דיר עפעס בעטן, דערפאר גיב איך דיר יעצט א שרייב'ל.

*"זאלסטו וויסן מיין קינד*
*דו ביסט געבוירן נישט געזונט*
*דו ביסט געווען בלינד אויףביידע אויגן,*
*אבער וואס טוט נישט א מאמע פאר איר קינד*
*מען האט די הויט פון מיר געשינדט*
*איך האב דיר געשאנקן מיינע, אז דיר זאל אלעס טויגן.*

זייט דעמאלטס מיין קינד
בין איך געווארן בלינד
אוי ווי שווער האב איך דיר אויפגעצויגן,
איך שרייב דא צו דיר מיין קינד
מיט בלוט אנשטאט מיט טונט
איך בעט דיך איין זאך, היט אויף מיינע אויגן.

איך בעט דיך, היט אויף דיין מאמע'ס אויגן!"



# 3

# האדרת והאמונה

**האדרת והאמונה,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**
**הבינה והברכה,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**
**הגאוה והגדלה,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**
**הדעה והדבור,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**

**מי הוא זה ואיזה הוא, זה קלי ואנוהו**

**המלוכה והממשלה,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**
**הנוי והנצח,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**
**השיר והשבח,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**
**התהלה והתפארת,** צו ווּעמען און צו ווּעמען? - **לחי עולמים**

(שחרית, שבת וחג)





# 4 פארשטיין

פסח ביינאכט דארטן אין הויף ער
זיצט ביים טאטע'ן, ביים חתם סופר,
דער כתב סופר אלס קינד נאך קליין
די הגדה ער וויל פארשטיין
טאטע'ניו, דיר פרעגן עפעס איך וויל.

דער חתם סופר שיינט אזוי נחת'דיג
ער הערט אים אויס אבער ענטפערט גארנישט צוריק,
דער כתב סופר פרעגט נאכאמאל
די טאטע ווערט אבער נישט נתפעל
ער הערט אים אויס און בלייבט ווייטער שטיל.

דער כתב סופר פארשטייט נישט וואס איז פשט
פארוואס באקום איך נישט קיין ענטפער תיכף ומיד,
ערווארט מיט קלעם, ביז מען האלט שוין נאכ'ן סדר
מיין קינד ענטפערן יעצט איך גיי דיר.

דער חתם סופר נעמט זיין קינד אויפ'ן שויס
פארענטפערט זיין קשיא אין איין רגע בלויז,
דער כתב סופר שמייכלט אבער פלאצט אויס אין א געוויין
יעצט האב איך שוין נאך עפעס וואס איך וויל פארשטיין.

טאטע טאטע, אויב האסטו דעם תירוץ געוויסט
פארוואס ווען איך האב עס פריער געפרעגט, שטיל געבליבן דו ביסט,
האסט געזען איך בין פאר'צער'ט
דו זעסט איך שטיי און ווארט
פארוואס לאזטו מיך ווארטן אזוי לאנג.

מיין טייער קינד דו ביסט נאך זייער קליין
א לימוד פאר דיין לעבן וויל איך דו זאלסט פארשטיין,
דו וועסט דיך באלד א דריי טון
קשיות וועלן באדערן און ווי טון
וויל איך דו זאלסט געדענקן דעם געדאנק.

**אסאך מאל אין לעבן איז פארשידענ'ס שווער**
**קשיות און ספיקות, מען ווארט אויף אן ערקלער,**
**איך וויל זאלסט געדענקן, ס'איז דא א**
**תירוץ אויף א יעדע זאך**
**אפילו ווען מען פארשטייט עס נישט גלייך.**

**אסאך מאל דויערט זייער א לאנגע צייט**
**ביז ס'ווערט פארענטפערט די קשיא וואס מ'האט געהאט,**
**גיב נישט אויף, ווערט נישט מיואש פון קשיות און טרערן**
**ווייל איין טאג וועט אלעס קריסטאל- קלאר ווערן.**

ברודער'ל מיינס, דו ווייסט שוין אצינד
טויזענטער זאכן וואס דו האסט נישט פארשטאנען אלס קינד,



תשואות חן לר' מ. א.

דו קענסט ענטפערן באלד
דעם קינד פון צען יאר אלט
וואס פארשטייט נאכנישט דאס וואס דו האסט אמאל נישט פארשטאנען.

אסאך מאל דארפן יארן דורכגיין
ביז מען קען פארשידענע זאכן פארשטיין,
מען מעג פרעגן און וויינען
אבער זאלסט נישט מיינען
אז קיין תירוצים איז נישט פארהאנען.

והיה כי ישאלך מה זאת
דאס בוך פון קשיות איז דאך אזוי גרויס,
מיר לעבן אין א וועלט פיל מיט פראבלעמען, צווייפלען און דאגות
יעדער דרייט זיך ארום מיט פראגעס.

ס'איז נארמאל צו וויינען און שרייען פון קלעם
ס'איז נארמאל צו מאנען און פרעגן למה ה',
דער באשעפער ענטפערט אלעמאל צוריק אפילו דו הערסט עס דאך נישט
אסאך מאל ענטפערט ער, איך קען דיר נאכנישט ענטפערן, נאכנישט.

מיין טייער קינד, דיר אויסהערן איך טוה
איך זעה וואס טוט דיך שטערן, אבער
ס'נאך צו פרי,
אז דו זאלסט קענען זעהן
פארוואס דאס מוז געשען
פארוואס פונקט ביי דיר און פארוואס
פונקט היינט.

די תירוצים זענען דא אויבן אזוי קלאר
און שיין
אסאך מאל, קינד מיינס, ביסטו נאך צו
קליין צו פארשטיין,
דיין הארץ איז פאר'צער'ט, נאך
אביסעלעווארט נאך
און אט וועסטו שמייכלען מיט פארשטאנד.

**פזמון**




וואס וואלסטו געטון
ווען דו וואלסט ווען געוואוסט
אז היינט איז דיין לעצטע טאג,
און מארגן פארן בי"ד זיך שטעלן דו מוזט
וואס וואלסטו געטראכט און געזאגט.

דו וואלסט אויפגעשטאנען גלייך אינדערפרי
מודה אני גרויסער בורא,
ארויסגעטראגן נעגל וואסער אליינס וואלסטו
און געזאגט א ברכת התורה.

געלאפן אין מקוה און פון דארטן צום שיעור
געלערנט אן אביי א רבי חייא,
אראפגעלייגט א שחרית ווי קיינמאל פריער
און אפילו געש'נדר'ט אן עליה.

געגעבן א נדבה פאר יעדן וואס פישקע'ט
און ביז עלינו תפילין אנגעטאן,
און אויף דעם מענטש וואס שמועסט,
געשריגן און געשישקעט
אפילו יעדער איינער קוקט דיך אן.



**דאס איז דאך די כלל**
**וואס זאגן אונז חז"ל,**
**שוב יום אחד לפני (שבת קנג ע"א)**
**קען זיין מארגן איז אלעס פארביי.**

**כאפ אריין היינט**
**אלעס וואס מ'פלאנט,**
**פיר זיך, טו און זאג**
**ווי כאילו ס'איז דיין לעצטע טאג**

נישט מבטל קיין רגע, לשון הרע נישט געפרעדיגט
וויל יעדע מינוט איז גאלד,
אין איין טאג געקויפט, באשלאסן און ערלעדיגט
אלעס וואס דו האסט שוין לאנג געזאלט.

מיט יעדן זיך פאררעכענט און אפגעצאלט די חובות
אנטשולדיגט פאר דעם אפצאל דעם שפעטן,
זיך באדאנקט פאר אלע וואס טוען דיך טובות
און אלע שונאים איבערגעבעטן.

גערופן טאטע מאמע מיט זיי צו שמועסן
זיכער מאכן אלעס גוט עס גייט זי
קאמפלימענט'ס פליסן, יעדן וועסטו גריסן
מחזק זיין און צולייגן א פלייצע.

גערופן די מלמדים 'וואס מאכן מיינע קינדער'
ס'דערקענט זיך אייער יראת השם,
און צום משולח ביים טיר געלאפן געשווינדער
אנשטאט זאגן 'איך בין נישט אינדערהיים'.

**פזמון**

אהיימגעקומען מיט א שמייכל צו די קינדער
די טעלעפאן געלייגט אין די זייט,
מיט געדולד אויסגעהערט יעדן באזונדער
איבער די טאג וואס זיי האבן געהאט.

שפילצייג, היים-ארבעט, צו יעדן זיך געקערט
אז דאס ווייב זאל קענען רואיג קאכן,
גערופן די יונגלעך און שנעל זיי פארהערט
אלעס פון די לעצטע פאר וואכן.

א מעריב, א שיעור, היטשעס יעדן געבן
ביים טיי-אוועקנט דאס בערזל אויסגעלערט,
א קרי"ש שעל המיטה ס'לעצטע אין לעבן
ביים מזוזה'לע שטייט ער פארקלערט.

גייט אריין צו די קינדער און קושט זיי אין שטערן
געדענקסט אז טאטי האט ענק ליב,
באדאנקט דעם אשת חיל פאר איר ארבעט דעם שווערן
וואס זי טוט פאר די גאנצע שטוב.

**פזמון**

# 6 בכל צער

**אל תירא כי עמך אני** (ישעיהו מא׳ - י׳)
מיין טייער קינד, וואו דו ביסט נאר וואו
**אמר הקב"ה:**

**בכל צער וצער שיש לישראל, אני עמהם.**
(תנא דבי אליהו, אליהו רבא, פרק יח)

אויפ'ן הארץ אזויפיל ווייען
מיין קינד איך הער דיך שרייען
ווייל איך שטיי נעבן דיר און איך וויין,
דו זאלסט קיינמאל נישט מיינען
אז נאר דו טוסט וויינען
ניין, מיין קינד, ביסט קיינמאל נישט אליין.

# 7

# קדשנו

**אלוקינו ואלוקי אבותינו, רצה נא במנוחתינו.**

**קדשנו**, ווי אזוי? - **במצוותיך**
**ותן חלקנו**, וואו? - **בתורתך**
**שבענו**, מיט וואס? - **מטובך**.
**ושמח** נפשנו **בישועתך**.

**וטהר לבנו**, טאטע'ניו, **לעבדך באמת.**

(שמו"ע, שבת וחג)

# 8 דעם גראם

א גאנצער נאכט שוין - פארבראכט שוין - געטראכט שוין - פון לאנג אהיימגיין פון זאל
געטאנצן יעדע ליד שוין – ער איז מיד שוין – און מען ציעט שוין – אסאך מער ווי נארמאל,
ביים טיר שוין ער גייט דארט – ער שטייט דארט – פארביי דארט – עס גייט א אינגערמאן מיט א שאל
דער בדחן?! ער כאפט שוין – ער סטאפט שוין – און בלייבט שוין – ער וויל נישט אהיים גיין בכלל.

מען קען זיין א מידער – פון לידער – און גערודער – דאך גראמען האט א פאטענט
יעדן אינטערסירט עס – מען שפירט עס – בארירט איז – דאס הארץ, פון דעי מאמענט,
ביי יעדע מסיבה – די חיבה – און ליבע – וואס ביי אלע מענטשן עס ברענט
וועט זיצן אין זאל ער – אן א דאַלער – נאר ווייל ער – וויל הערן די גראמען ביים ענד.

**זעה נאר דעם פלאם, דעם טעם, אויסנאם**
**וואס עס ליגט אונטער דעם גראם**
**אפאר שורות ברענגט עס צוזאם – ווי איין.**

**שורה׳לעך צוויי און דריי, זענען זיי**
**באהעפטן זיי אלע איך גיי**
**עס הערט זיך דאס הערליך געשריי – גאר שיין.**

**מחזורים און סידור, בריוולעך פון ברידער, געדיכטער און לידער, געפאסט און מסודר, עס וועקט אויף דעם מידער, און ווארעמט די גלידער, מיט חן!**

א שיינע באַרונג - ערקלערונג – איינשווערונג – תנאים בלומען און נוסח המציבות
אן עד אין די דזשורנאלן – פארפאלן – ס׳מוז שטראלן – מיט גראמענלעך און ראשי תיבות,
גראמען ארויסגיט זיך - ס׳זעץ זיך – ס׳רעדט זיך – די ניגון, דאס בריוו׳ל אדער סיי וואס
וואס סתם ווערטער זאגט נישט – פארמאגט נישט – און טראגט נישט – די זעלבע געפיל און התחייבות.

גראמען קען מאכן – לאכן – אויפוואכן – דעם טייל פון שמחה און גליק
עס קען וויינען און קלאגן – און זאגן – די פלאגן – וואס אונטערן הארץ עס דריקט,
עס קען שפייען - און שרייען – פארצייען – באנייען - א פריינדשאפט פון יארן צוריק
דעם שרייבער׳ס געפילן – טוט שפילן – קענסט פילן – ווען אויף די גראמען מען קוקט.

**פזמון**

"דער רבי ר׳ בונם - זאגט מען נאך פון אים – אז טיף אינעם – גראם ליגט סודות נוראות.
אז ר׳ אליעזר הקליר – מיט זיינע איינפאלער – געגראמט האט ער וויל ער - געוואלט ברענגן פילע השפעות.
(רמתים צופים, אליהו זוטא ב׳, קי"א)
דער בעלזא רב ר׳ ישכר דוב – זאגט ער דערויף – דער גראמער האט האף – פארשפארן דעם גיהנם אויף
שעות. (עזר מקודש, בעלז)
אין באבוב גאר גרויס זי איז – די רב זאגט נישט בלויז זי איז – גר"ם איז די אותיות - מ׳בטלין ג׳זירות ר׳עות."
(יגילו במלכם, עמ׳ נז)

מ׳זעט יוצרות און זמירות – דעי שורות – פון פריער איז – געשריבן מיט גראמען און ליד
צדיקים אלס שרייבער – מחבר – מסתבר – א טיפע חכמה עס ציעט,
רבי׳ס מיט חן זיי – אליין זיי – שטייען זיי – גראמען פאר א צווייטן איד
באטראכטן דו דארפסט עס - צו פאסט עס – דאך ווייזט עס – א העכערע ענין דא רועט.

# 9 שבח

שבח יקר וגדלה וכבוד יתנו
לאל מלך יוצר כל.
לפיכך יפארו ויברכו לאל כל יצוריו.
(שחרית, שבת)

# 10 הר המוריה



אויבן אויף א בארג
די אמונה איז שטארק
מיט שמחה שטייען דארטביידע,
געבינדען פיס און הענט
גרייט צו ווערן פארברענט
ליגט יצחק אויף די עקידה.

פון דעמאלטס אן
טראגט דאס ארט א פאן
פון קדושה וואס איז דארט פארבליבן,
די פלאץ וואס גאט וועלט אויס
וואו צו בויען זיין הויז
דעם "הר המוריה" אויסגעקליבן.

כאטש עס איז פארהאן
פיל פלעצער וואס קען זיין
שענער'ס ווי די הר המוריה,
פיל רייכערע ערד
נו, פארוואס פונקט דא ווערט
דאס פלאץ ווי על תילה בנויה.

**ווייל צדיקים האבן אנטפלעקט**
**וואו מ'האט דאס האלדז אויסגעשטרעקט**
**אין פייער פאר'ן בורא צו גיין,**
**חשוב איז ביי אים דאס ארט**
**דער באשעפער וויל אז דוקא דארט**
**זאל די בית המקדש שטיין.**

לויט'ן חשבון פון פריער
אז חשוב איז ביי דיר
די פלאץ ווי מען שטארבט פאר דיינע באפעלן,
באשעפער דו זעסט
וואו צו בויען דיין נעסט
האסטו אזויפיל וואו זיך אויסצווועלן.

אויפ'ן 'אוטו דא פעי'
פאר'ן הנה אלקינו זה
חלילה די אמונה נישט טויפן,
צי וועסטו בויען דיין אכסניא
דארטן אין שפאניע
אויפ'ן זעלבן פלאץ וואו פונעם 'שייטער הויפן'...

אין רוסלאנד הינגעריכטעט
גע'שחט'ען און פארניכטעט
געגאנגען אין פייער פאר דיר,
צו וועסטו טאטע קרוין
בויען דיין וואוין
אויף די קאלטע ערד פון די פראסטיגע סיביר...

אין אייראפע ווי דו קוקסט נאר אלס
דעם טויט מעסער אויפ'ן האלדז
מיליאנען אויס'שחט'ן און אויסהונגערן,
אויף וועלכע לאגער אדער מאסן גרוב
וועסטו בויען דיין שטוב
ליטא, גאליציע, פוילן אדער אין אונגערן...

אין אינדיע מומביי
פארן זיין א חלק אלקי
געקוילעט ווערט מען פון דעם דזשיהאד,
די הויז פון בלוט און טרערן
צי קען עס נאך איין טאג ווערן
א בית המקדש אנשטאט א בית חב"ד...

**פזמון**

אויב ווילסטו דוקא ארץ ישראל
אויף יעדן בארג און טאל
איז פארצייכענט מיט אידישע עקידות,
אויף וועלכע גאס
אויף וועלכע אויפרייס
ווילסטו בויען דיינע געביידעס.

דארט וואו בחורים פארכאפט מען
וואו מתפללים אנקלאפט מען
אינמיטן שחרית מיט העק און מיט מעסער,
אוי טאטע ס'שוין גענוג
משיח שוין שיק
און לאז נישט די אויסוואל ווערן גרעסער.

**פזמון**